יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט · ייִוואָ Est. 1925
15 WEST 16TH STREET · NEW YORK · NY · 10011 · YIVO.ORG · TEL (212) 246-6080 · FAX (212) 292-1892

YIVO ARCHIVES

Record Group 80

# Elias Tcherikower Archive

## Records of the Mizrakh Yidisher Historisher Arkhiv

1717, 1841-1874, 1881-1896, 1901-1947, 1956, undated
[Bulk Dates 1919-1927]

Folder No. 232

21386

D.A

אמעריקאן

פון

Joint

K 1

Pogrome

21387

א פּאָגראָם-ליד וועלכע די דעניקינצעס האָבען געזינגען בײַם אַרײַנטרעטן

אין באַלטאַ; פֿאַרשריבען פֿון די ווערטער פֿון יעקב ברוינשטײַן פֿון באַלטאַ.

№25

I.

Ворвалась въ Россію стая жидовъ

стая жидовъ

Ограбили всѣхъ ~~хуже~~ хуже воровъ

хуже воровъ

Льется повсюду христіанская кровь

христіанская кровь

Проклятое племя сосетъ нашу кровь

сосетъ нашу кровь

II

Раньше былъ Бродскій

А теперь Троцкій

Бродскій Россію нѣмцамъ продалъ

Троцкій Русь — чорту отдалъ

III

Бродскій насъ продалъ

Троцкій насъ предалъ

Бродскій шкуру дралъ

Троцкій самого Христа пропилъ.

## IV.

Ворвалась въ Россію стая жидовъ
стая жидовъ
Далъ имъ чортъ богатый уловъ
богатый уловъ
* Жиды всего міра сбѣжались на зовъ
сбѣжались на зовъ
Татарское иго имѣемъ мы вновь
имѣемъ мы вновь

* Примѣчаніе: По другой версіи: "пролетаріи всего міра..."

## V

Раньше былъ кагалъ
А теперь комуна
Синагога - интернаціоналъ
Жидовскій карнавалъ

## VI.

Бей жидовъ за нашего царя
За нашу церковь, за Русь святую
Бей жидовъ за нашего Христа
Ура! Ура! Ура!

ביי דעם
צ.י.נ.ר.
לעמבערג

D A

21388

Б е л г о р о д, Харьковск.губ.

Юридическая Консультация при Совете Харьковской Еврейской Общины.

О п р о с н ы й  л и с т № 602.

Сентября I-го дня 1919 г.

Фамилия, имя и отчество: Гринберг Вольф Гершович.

Адрес: Белгород, занятие - учитель.

П р о т о к о л.

7-8-го в город Белгород вступили шкуровцы. Они приступили к грабежам, не пропуская ни одной еврейской квартиры, забирая постель, платье, белье, даже посуду. В некоторых местах, где они забирали много вещей, они вещи укладывали на подводах. Среди грабителей было много офицеров-шкуровцев. Но офицеры-марковцы /из полка имени генер.Маркова/, их всего несколько десятков в городе, заступались за евреев когда до них доходили крики о помощи. Еврейские магазины также подвергались разгрому. Еврейское население в общем раззорено. Грабежи и эксцессы происходили преимущественно ночью. Численность еврейского населения приблизительно в I200 человек при общей численности населения города в 60.000 человек. Русское население раньше жило с евреями миролюбиво. При происходивших эксцессах они держались пассивно, но в грабежах участия не принимали. В эти же дни, после I3 и I4 в городе расклеивались бюллетени Освага, в которых между прочим сообщалось следующее: "В городе Обояни при вступлении добровольцев, евреи встречали их огнем. В Конотопе то же самое". Неправдоподобность этих сообщений видна из того, что в Обояни всего 6-7 еврейских семейств. Власть в лице коменданта не принимала никаких мер для защиты евре

Когда проситель, квартиру которого ограбили явившиеся казаки, явился к Коменданту, прося защиты, тот ему ответил: "А отчего Вы их не привели с собой. Проситель ответил, что он пришел просить защиты, а тут над ним издеваются, так как он очевидно не мог задержать 6-7 грабителей-казаков. В ответ на это последовал окрик Коменданта. "Молчи, жидовская морда". За пропуск на выезд из Белгорода Комендатура взимает с русских 20 рублей, а с евреев 250 рублей. Настроение еврейского населения подавленное. В течение последних дней Комендатура одинаково со всех взимает по 50 руб. за пропуск.-

8 А

21390

# Е Л Е Ц, Орловск.губ.

## З а я в л е н и е.

В Еврейский Комиссариат.

4-го сентября казацкими бандитами Мамонтова гор. Елец был занят. До прихода казаков население голодавшее думало, что Мамонтов принесет им хлеб. Еврейское население в большинстве своем не желало прихода казаков, ибо они были уже осведомлены, что выделывали казаки в Козлове Тамбове и т.д. Но того ужаса, кошмара, которого наделали казаки в Ельце, никто не ожидал. Как только банда Мамонтова в'ехала в город, она принялась за еврейский погром: "где жиды живут, выдать жидов" вот лозунг банды Мамонтова Они врывались в еврейские дома, выводили стариков, пытали, терзали, а потом убивали. Молодых женщин изнасиловали и потом весь дом разгромили. Число убитых евреев доходит до 200 человек. У кого отца, мать, брата, сестру. Ни одна еврейская квартира не обойдена. Партия Р.К.П., защищаясь в пролетарской Коммуне вместе с коммунарами, которые геройски защищались до последней минуты /100 человек женщин с детьми бежали в деревню/ ворота коммуны были заложены камнями и коммунары стреляли в казаков, которые старались ворваться. Около коммуны убито три казака, но случайно также убиты два маленьких коммунара. Бледно все сказанное здесь перед тем ужасом, который наделали шайка грабителей. Все мосты взорваны, все склады разгромлены, настроение граждан на стороне красных.

Очевидец.

С подлинным верно: Секретарь ЕВОБКОМА.

Замитов

DA I



21391

## באריכטן וועגן פאגראם-געשעענישן אין
## זאמיעכאוו - פאד.

אלגעמיינע כאראקטעריסטיק מיט צעטלען פון הרוגים פערווינדעטע, געשענ-דעטע און פארברענטע הייזער פון די פאגראם-געשעענישן אין זאמיעכאוו או-שיצער פאוויאט פאדאלער גובערניע, וועלכע זיינען פארגעקומען פון׳ם 24 פעברואר ביז דעם 16 מארט 1920-טען יאהר צונויפגענומען אין פערשריפטען פון׳ם פע-פולמעכטיגען פון קאמעניצער בעזירק-קאמיטעט פאר פאגראם און מלחמה-געליטע-נע- פשרובקר.

### אין דער שחיטה - שטאדט זאמיעכאוו.

א גרויסער פחד מיט א שרעקליכער אימה האט אנגעכאפט דאס גאנצע שטעטל ווען ס׳האט זיך פערשפרייט א קלאנג דעם 25 פעברואר אז דעניקינס מיליטער האט אפגעקערט אין פערניכטעט דאס שטעטל ווערפאוויעץ, אין נאך דעמזעלבען טאג האט מען שוין דערהערט דאס דיינערן פון די הארמאטען, וועלכע האבען געמאכט ציטערן די לופט, נור קיין מענש האט ניט געטראכט אז דער אומגליק דערנענטערט זיך און קומט אין שטעטל אריין.

אויף מארגען גאנץ פריה ווען יעדער מענש איז נאך פערחלומט מיט זיינע לעצטע טרוימען, זיינען זיי אריין אין פערפלייצט דאס שטעטל ווי א חוואליע. דאס קליינגען פון צופראכענע פענסטער און טהירן און דאס געוואלד מיט די געשרייען פון די פרויען און קינדער האבען פערציטערט די לופט. אזוי ווי צירייצטע חיות מיט א מוראדיגען שטורם האבען זיי זיך אריינגעריסען אין די הייזער און מיט פייזע געשרייען, זשידים גיט געלד, האבען זיי געשלאגען אויף לינקס אין אויף רעכטס. גרופעס-וואס מענער, פרויען און קינדער האבען זיך ארויסגעריסען פון די רויבערס הענד און האבען זיך געלאזט אין דארף אריין זוכען ביי די פויערישע רעטונג אין שיץ, נור אויף די וועגען האט זיי אויך דערגרייכט די מערדערישע הענד און זיי זיינען געשלאגען געווארען מכות רצח. נור דערמיט האבען זיך ניט בעקיהלט די מערדערס און די מאס איז נאך ניט פערפולט געווארען. זיי זיינען אריין אין בית-המדרש, געפייניגט מיט געלעכטער די אלטע יודען, וואס זיינען גע-קומען דאוונען אין ארויסגעטריבען זיי אין דרויסען. פיער יונגע לייט, וועלכע זיינען אויך דארט געוועזען זיינען איבערגעגעבען געווארען צום טויט-שטראף, אבער ניט אלע צוזאמען, נור פערפרענען זיי איינציג-ווייס אין פייער. די ספרי-תורות מיט די גמרות האט מען אנגעצינדען, דער פלאם האט זיך פערשפרייט אין

21392

אלע ווינקעלעך פון הויז און דאס גאנצע הויז איז אוועק מיט'ן רויך. די יונגע לייט האבן זיך געראטעוועט דורכן פענסטער, נור צוויי פון זיי זענען חוץ דערשאסן געווארן, איינער איז פערוואונדעט שווער אויף טויט, דער צווייטער-לייכט.

אין יוד איז ערמארדעט געווארן ביי זיך אין הויז, נים קיקענדיג, וואס אין דערזעלבער צייט איז ביי איהם איינגעשטאנען דער גענעראל פרעדטאף. דער רויב אין מארד האבן געדויערט א פאר שעה, נאכדעם איז די מחנה אוועק ווייטער. נור דאס אלעס איז געוועזן נור א פראלאג צו דער שרעקליכער טראגעדיע, וואס האט זיך ענטוויקעלט שפעטער. א שרעקליכער פחד האט געשוועבט אויף יעדן פנים אין אלע איינוואהנער וואס זענען געבליבן ביז דאמאלס האבן זיך געאיילט צו רעטען און צו פערשטעקן זיך אין די שפאלטען פון פעלזען און גרובער, בוידימער און קעלערס. אין פלוצלינג האט די מחנה ווידער פערנומען די שטאדט. צווישען מיליטער זענען געוועזן פאלגענדע טיילן: קובאנער, טערעקער, אוסטונער און אנדערע. אזוי ווי עס רייסט זיך ארויס א פערניכטענדעס פייער, וואס פערברענט אלעס אויפין וועג, אזוי האט זיך דורך געטראגן די צווייטע מחנה איבערין שטעטל מיט בלוט, פייער, שאנד אין רויך. א פערניכטענדער שטורמווינד וואס האט געבראכן, געברענט, געשענדעט און גערויבט אלעס, וואס האט נור געפינען אין שטעטל. פיעל מיליטער האבן זיך פערשפרייט איבערין שטעטל אין האבן זיך אריינגעריסען אין די שטיבען. די כלים זענען צושמעטערט געווארן אויף שטיקלעך. די מעבלען צובראכען, די אויוועגס די פוילען ארויסגעריסען און געגראבן זיך אין דער ערד, כדי צו געפינען פערבארגענע אוצרות.

נאכין רויב, אז מ'האט ארויסגעצויגן פון די שטובען אלעס וואס איז נור מעגליך מיט צו נעמען אויף פוהרען - האט מען די הייזער אנגעצינדן אין זיי אוועקגעלאזט מיט'ן פלאם. צו דעם וואס די פערבליבענע איינוואהנער האבן איבערגעטראגן איז אין דער געשיכטע פון יודישע פאגראמען גאר קיין פערגלייך ניטא. אכזרי'שע געשלעג און עינוים קשים, פאר וועלכע עס ווערט פארשעמט אפילו דער שטן. ביי איניגע זענען אין פייער אפגעברענט די האר פון קאפ, די בערד אין פאה, איניגע זענען צוקלאפט געווארן פון שטיינער, איניגע זענען אויפגעהאנגען געווארן פאר די אויגען פון מענער, נאכדעם ווי זיי זענען געשלאגן געווארן מיט שאמפאלעס. די וועלכע מען האט געטראפען אין די דערפער זענען מאמענטאליך געהרגעט געווארן דורך שווערדען, איינגעטינקען אין בלוט האבן זיך געוואלגערט זייערע קערפערס ווי מיסט אויף די פעלדער, א שפייז פאר הינד אין ווילדע פעגיל, פיעלע קראנקע זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער און פחד ... אויף דער נאכט איז שוין דאס גאנצע שטעטל פון אין עק צום צווייטען געוועזן ארומגענומען מיט פייער, פלאם אין רויך, די שענסטע 30 הייזער זענען חל געווארן. רייטער סאלדאטען האבן זיך פערשפרייט אויף די פעלדער אויפצוזוכען די יודען, וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטען אין די שפאלטען פין סקאלעס אין צווישען בוימער פין וואלד כדי אומצוברענגען זיי פון

21393

דער וועלט. די וועלכע זענען ארויס לעבעדיג פון אונטער דער שווערד, זענען
זיי געבליבען הויל אין נאקעט, זייערע קליידער, וועש אין שיך האָט מען פון
זיי אראָפּגעשלעפט, אין נאקעטע, באָרוויסע, צישלאָגענע אין פערווונדעטע
ארויסגעלאָזט פריי. פיעל זענען אנטלאָפען פינאַכר אין דער נאָהענטער שטאָט
אושיצא ווי זיי געפינען זיך ביז היינט אין נויט און הונגער. אייניגע וואל-
גערן זיך נאָך ארום אין די דערפער, ווארטענדיג ביז מ׳וועט איבערגעהן דער
צאָרן און מ׳וועט קענען זיך אומקערן, די צאָהל פון די הרוגים דערגרייכט
ביז 30, פערווונדעטע ציילט מען ביז הונדערט, דער שאָדען איז אונגעהויער
גרויס און ווערט געשעצט אין צעהנדלינגער מיליאָנען. צו בעמאלען אין דע-
טאל דעם חורבן פון פאָגראָם איז אונמעגליך, דאָס אלעס קען געבען נור א
לייכטען בעגריף פון דעם וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, נור די פאקטען וועלכע
קימען נאָך צו געבען איבער נאָך וועגען דער שוידערהאפטער אכזריותקייט, וואָס
איז בעגאנגען געוואָרען קעגען יודען. די עטליכע פערבליבענע אין זאמיעחאָוו
יודישע משפחות לעבען שוין דריי וואָכען אין הונגער און פחד. ניט האָבענדיג
קיין מעגליכקייט ארויס אָדער אריינגעהן אין שטעטל, וייל דער וואָס וויל ארויס-
געהן פינ׳ם שטעטל ווייסט ניט וואָס פאר א סוף עס ערווארטעט איהם, אין אויב
זיי בעקומען ניט קיין דרינגענדע הילף פון אויסען ווערען זיי גענצליך אומ-
געבראכט. ס׳איז נויטיג צו בעמערקען אז אין די רויבערייען אין אויך אין
דער הריגה האָבען גענומען אָנטייל אויך פוילישע סאָלדאטען, וועלכע זענען
געוועזען במשך די דריי טאָג פינ׳ם פאָגראָם אין זאמיעחאָוו. די אָפיצערען האָ-
בען זיי ניט אויפגעהאלטען אין זיי האָבען פריי געהרגעט און געשענדעט צו-
זאמען מיט די דעניקינצעס. ווי עס גיט איבער א יונגער מאַן יואל שוחט,
וואָס איז בעקימען צילויפען קיין אושיצא, האָט זיך אָנגעהויבען אין א וואָך
ארום א צווייטער פאָגראָם אין וועלכען ס׳זענען ווידער געפאלען הרוגים און
פערווונדעטע. דאָס ברויט, וואָס די פויערין פון ארומיגע דערפער האָבען גע-
בראכט פאר די פערבליבענע אין שטעטל יודען, האָבען צוגענומען די דעניקינ-
צעס מיט די אוקראינישע סאָלדאטען, אַברויבענדיג דאָס לעצטע ביסל וואָס איז
נאָך פערבליבען נאָכ׳ן פאָגראָם. יעדען טאָג מאכען אָנפאל אויפ׳ן שטעטל די
מיליטער-טיילען וואָס שטעהען אין די דערפער און שטעטלעך פון דער געגענד.
די פערבליבענע, ניט האָבענדיג קיין שום הילף פון עמיצען דערגעהן פון הונ-
גער, די קראנקע און פערווונדעטע שטארבען, ניט האָבענדיג קיין שום מעדיצינ-
שע הילף, די טויטע בלייבען ליגען אין שטאָט ווייל מ׳האָט מורא ארויסצוגעהן
צום בית-הקברות. די וועלכע לאָזען זיך אַנטלויפען אויפ׳ן וועג צו ני-אושי-
צא ליידען פיעל פינ׳ם פוילישען מיליטער, וועלכע שלאָגען די יודען. למשל
א פוילישער סאָלדאט האָט געשלאָגען א אלטען יודען אין געוואָרפען מיט איהם
צו דער ערד, דערפאר וייל דער אלטע האָט איהם ניט געוויזט אָנצווייזען ווי מען

פערקויפט אין אושיצע טאבאק. דער מצב איז שרעקליך, די הילף איז דרינ-
גענד-נויטיג.

<u>פאקטן פון זאמיעשטשער פאגרום, דערצעהלט פון ציזשעווער און בי-
וואוינער בעת דעם פאגרום, פארשריבן פון באפולמעכטיגטן-פראטאקאלער און
פארזיצער פון הילפס-קאמיטעט פאר זאמיעשטשער - גלבמאן.</u>

1) יואל שמואל שוחט (אנטלאפן פון זאמיעשטש קיין אושיצע דעם 16-טען מארץ, אנגעקומען אין גויאישע קליידער) דערצעהלט אז אין זאמיעשטש צוריק מיט א וואך (יום ח' מארץ) זענען פערווינדעט געווארן פאלגענדע פערזאנען: יוסף לאנדוי, אברהם פישמאן, דוב וואקס, יוסף טימרין, און זיין פאטער מרדכי טימרין. די לעצטע צוויי דער פאטער מיט'ן זון זענען אויפ'ן 2-טען טאג געשטארבן. אין משך פון דער גאנצער צייט נאכ'ן פאגראם יעדען טאג רייסן זיך אריין סאלדאטן-דעניקינצעס אין די הייזער, רויבען און נעמען צו אלעס וואס איז נאך פארבליבן פרט איז געווען שטארק גרויס דער רויב אין די טעג ז' ח' י"ד מארץ. דאס ברויט וואס די יודען האבן געקענט קריגען פון די ארטיגע פויערים, ווערט צוגענומען דורך די רויבער. זיי פאדערן אויך געלד פון די וועלכע זענען שוין לאנג גענצליך בערויבט. אין שטעטל זענען געבליבן 8 משפחות, זיי געהען אויס פאר הונגער און נויט. די פערווונדעטע האבן קיין שום מעדיצינישע הילף - אזוי איז יהושע זמחובסקי געשטארבן פאר הונגער. חיי שרה סטאשעשקי קראנק געווארן אין באלד געשטארבן, נישט האבנדיג קיין שום מעדיצינישע הילף. יום ז' מארץ האט מען ווידער אנגעצינדן עטליכע שטובער נור ס'איז געלונגען זיי אפצולעשען. אין רויב נעמען אנטייל אויך פוילישע סאלדאטן. די באלשעוויקעס, ווען זיי זענען אריין אין שטעטל, האבן זיך בעצויגן צו די יודען זעהר גוט - אין הויז פון יעקב שיסטער זענען געווען 5 פרויען, מ'האט זיך אריינגעריסן צו זיי, פיער פון זיי זענען אנטלאפן, די פינפטע איז געשענדעט געווארן - א פרוי פון 50 יאהר. די קבורה פון די הרוגים איז געווען שוידערהאפט צוצוזעהן, מ'האט געפונען פון איינע א קאפ, פון אנדערע א אבר - די קערפערס זענען געווען צוהארטען און צופאלען אויף שטיקער .... וועגן דעם שוסטער יצחק ווסערמאן איז דא א מעגליכקייט צו דענקען אז ער איז לעבעדיגערהייט פערברענט געווארן אין זיין שטוב.

ציזשעווער - יואל שוחט.

2) די פרוי חוקה סקל נאך איבער פאלגענדעס: די גאנצע פאמיליע איהרע איז פערבראנט געווארן אין א פרעמדער שטוב. מ'האט געפאדערט פון זיי געלד, זיי זענען געשלאגן געווארן מיט שרעקליכע שלעג.

בעשטעטיגט פאר איהר דער מזכיר פון זאמיעשטשער הילפס-
קאמיטעט - מ. פרימאן.

21395

3) פרוי הינדע גורפטיה האט זיך פעהאלטען פיים טייך. האפענדיג פיי זיך עטליכע טויזענד גריוונעס. א סאלדאט האט זי געפונען, צוגענומען פיי איהר דאס גאנצע געלד, האט זי זעהר געשלאגען, האט זי אריינגענומען אין א גויעש הויז, ווי ס'זענען געווען נאך פיעל סאלדאטען און זי גע- צוואונגען צו מאכען עסען פאר זיי.

געחתמעט פאר איהר דער סעקרעטאר פון קאמיטעט מ.פרימאן.

4) די מעדעל אסתר יאטרעמיף דערצעהלט אז דעם פעטער מיט דער גאנצער פאמיליע האט מען געשלאגען, פאר'ן יונגערן ברודער האט מען גע- פאדערט צעהן טויזענד, דראהענדיג איהם מיט'ן טויט. אלס א מיכין האט מען איהם אריינגענומען אין דער קווארטיר פון די סאלדאטען, ווי מ'האט איהם געפייניגט און חוזק געמאכט פון איהם.

דערצעהלט און אונטערגעשריבען פין אסתר יאטרעמיף.

5) א קינד פון 14 יאהר, שלמה קופרוסט גיט איבער אז די שטיוול האט מען פון איהם ארפגעצויגען און ער איז אנטלאפען צו פוס פערוועס קיין זושיצא. ער איז א יתום, זיין עלטערער ברודער איז ערמאר- דעט געווארען פון די דעניקינצעס.

פאר איהם געחתמעט סעקרעטאר - מ.פרימאן.

6) א יונגל מיכל פערשטיין אלט 16 יאהר האט מען געשלאגען, געשטופט אין מויל דעם רעוואלווער, ער האט זיך אויסגעקויפט מיט 150 רוב ער איז עגטלאפען. אויפ'ן וועג האבען איהם געטראפען סאלדאטען, וועלכע האבען זיך נאך איהם נאכגעיאגט, כדי איהם צו ערמארדען. זיי האבען איהם געכאפט. האבען איהם געוואלט אריינווארפען אין א ברענענדיג הויז, נור עגדליך האבען זיי איהם ארויסגעלאזט פריי. ער איז געלאפען און האט זיך פעהאלטען אין א פרעמדער שטוב, האבען איהם דארט געטראפען ווידער סאל- דאטען. ער איז אנטלאפען אין וואלד אריין, ווי ער איז אריינגעפאלען אין גרוב מיט וואסער ביז'ן האלז. ער איז געוועהן אין פעלד עטליכע טעג איינגאנצען נאס און פערפרוירען. א קריסטין האט זיך אויף איהם דערבא- רימט און האט אויסגעטריקענט זיינע קליידער. ער איז געווען א עדות פון א שענדונג פון א מעדיל גולדה ראפין. צעהן סאלדאטען האבען זי געוואלט שענדען, זי האט זיך פערטיידיגט, האט מען זי געשלאגען, נאך דעם האט מען זי אריינגעשלעפט אין א בעזונדער צימער, ווי זיי אלע האבען זי געשענ- דעט, נאך דעם האט מען געפאדערט פון איהר געלד, נאך דעם זענען זיי אוועק פון איהר.

געחתמעט פון מיכל פערשטיין.

7) פרוי זיסל קלמן גיט איבער פאלגענדעס: איהר טאכטער אלט 20 יאהר, איז פערכאפט געווארען פון צעהן סאלדאטען און איז געשענדעט

געוואָרען מיט אַלע, חוץ דעם גוואַלט-טהאַט האָבען זיי נאָך איהר אַריינגעשטופּ אַ שטיק האָלץ אין געשלעכטס-אָרגאַן, צעריסען אויף איהר די קליידער, אויסגעטהון זי בענצליך, די קליידער אַריינגעוואָרפען אין ברענענדעס הויז, נאָך דעם איז זי נאַקעט אַרויס אין דרויסען און זיך פעהאַלטען אין עפּעס אַ הויז.

פאַר איהם געהמטעם סעקרעטאַר - מ.פרימאַן.

8) הערר ליב ראָזענבלים גיט איבער פאָלגענדעס: ער איז אַנטלאָפען אין דאָרף אַריין, זענען איהם נאָכגעלאָפען רייטער און געפּאָדערט פון איהם געלד, ער האָט ניט געהאַט, האָבען זיי איהם געשלאָגען מיט'ן רעוואָלווער אין קאָפּ אַריין, ביז ס'האָט זיך געלאָזט פון איהם בלוט, און ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד. זיין זוהן איז אַנטלאָפען, מ'איז איהם נאָכגעלאָפען, געשאָסען אין איהם, ער איז שווער פערוואונדעט געוואָרען, ער האָט לאַנג געשריגען, זיינע געשרייען האָבען געהערט זיינע שוועסטער, וועלכע האָבען זיך פעהאַלטען אין אַ גרוב. זיי זענען צוגעקומען צו איהם צו העלפען מיט עפּעס, דאָס בלוט האָט שטאַרק געגאָסען, ער איז געלעגען פערוואונדעט 10 טאָג אין שטוב אָהן שום מעדיצינישע הילף, ביז מ'האָט איהם איבערגעפיהרט קיין אושיצא, ווי ער איז געשטאָרבען, ער אַליין, דער פאָטער האָט זיך פעהאַלטען אין הויז. מ'איז געקומען גאַנץ פריה, און געפּאָדערט פאַן איהם געלד, ער האָט ניט געהאַט, האָט מען איהם צוגעבונדען אַ שטריק אויפ'ן האַלז, און אויפגעהויבען איהם אויף אַ בוים, נור פּשעת מ'האָט איהם צוגעבונדען צום בוים, האָט מען אַריינגעלעגט די פינגער אונטער'ן שטריק, כדי ער זאָל ניט דערשטיקט ווערען, - נאָך לאַנג געבעט איז ער גערעטעט געוואָרען פון זייערע הענד. זיינע טעכטער רבקה אַלט 20 יאָהר, און גיטל אַלט 16 יאָהר געשענדעט געוואָרען אונטער דראָהונג פון טויט. דער פאָטער וועלכער האָט זיך אַנטגעגען געשטעלט, איז שטאַרק געשלאָגען געוואָרען און די טעכטער פערגוואַלדעטעט געוואָרען. זיין הויז מיט'ן גאַנצען פערמעגען איז פערבּרענט, ער איז געבליבען נאַקעט אין שרעקליכער נויט.

אונטערשריפט: ליב ראָזענבלים.

9) אַ מיידל חיקה וואַסערמאַן גיט איבער פאָלגענדעס: זי איז געלעגען צי בעט קראַנק, נור אַז זי האָט דערהערט שיסען איבער דער שטוב, האָט זיך אַרויסגעדרהאָבעט אויפ'ן דאַך פון איהר הויז און איז אַריין צו אַ שכן. פאַר נאַכט זענען אַריין צוויי סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געשענדעט דאָרט אַ פרוי אַלט 20 יאָהר פּינה כץ, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס אויף איהרע הענד איז געווען אַ זייגענדיג קינד, און נאָך אַ מיידל פון 16 יאָהר. די גאַנצע פאַמיליע פון דעם הויז צוזאַמען מיט אַלע מענשען וועלכע זענען דאָרט געוועהן האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ שורה און געוואָלט זיי אַלע טייטען, פריהער האָט מען אַרויסגעפיהרט דעם בעל-חבית און אַרויפגענומען

 

אים מיטן שווערד דעם קאָפּ. די איבעריגע האָט מען פֿערוואונדעט און אָפּגע-
רופֿן צו חתמענען האָט זי מורא. אונטערגעשריבן פֿאַר איהר האָט דער סע-
קרעטאַר פֿון פֿרײמאַן.

באַמערקונג: ס'איז דאָ אַ חשד, אַז אויך זי מיט איהר שוועסטער גיטל וואַ-
סערמאַן זענען אויך געשענדעט געוואָרען, זײ אַנערקענען עס ניט.

(10 אַ יונגערמאַן ישראל וואַסערמאַן גיט איבער פּרטים וועגן דעם ווי
אַזוי עס איז פֿערברענט געוואָרען דאָס בית-המדרש.- לערך אַ 40 מענשען האָ-
בען פֿעלאַגערט דאָס בית-המדרש, אין וועלכעס האָבען געדאַוונט יודען. מ'האָט
זײ אַלע אויסגעטאָן, קליידער און שוך, געשלאָגען, די אַלטע האָט מען אַרויס-
געטריבען און פֿיער יונגע לײט: ישראל וואַסערמאַן, מרדכי פֿלאַם, טוביה
שניידערמאַן און איינער אַ מינקאָוויצער - האָט מען פֿעראורטיילט צום טויט.
שטיקער העלץ מיט די מזוזות האָט מען זײ געוואָרפֿען אין די קעפּ, די ספֿרי-
תורה האָט מען אָנגעצינדען. און דער פֿלאַם האָט זיך פֿערשפּרייט איבערן גאַנ-
צען הויז. נאָכדעם האָט מען אַרויסגעפֿיהרט די יונגע לײט צו דער מיתה.
צוויי פֿון זײ טוביה שניידערמאַן און דער מינקאָוויצער זענען געשאָסען געוואָ-
רען, איינער איז פֿערוואונדעט געוואָרען מיט שטאַרקע וואונדען און איז געש-
טאָרבען אין אושיצא (מ'האָט אים איבערגעלאָזט, דענקענדיג, אַז ער איז
שוין טויט) און דער פֿערטער איז פֿערוואונדעט געוואָרען גרינג און איז
אַנטלאָפֿען אין דאָרף אַרײַן. דאָרט האָט ער זיך איבערגעטאָן אין פּויערישע
קליידער און האָט זיך אויסבעהאַלטען בײַ אַ פּויער אין אַ שטאַל אַ פּאָר טאָג.
און איז נצל געוואָרען. פֿון דאָרט איז ער געקומען קיין אושיצא.

געחתמעט פֿון ישראל וואַסערמאַן.

(11 די פֿרוי שרה מאַראַנוס גיט איבער וועגן דעם מאָרד פֿון איהר
מאַן שמואל אַלט 50 יאָהר און נאָך צוויי יודען שעיהן חסיד אַלט 48 יאָהר,
און אַ יונגען מאַן חיים בראָשפֿאַן 20 יאָהר אַלט. זײ זענען ערמאָרדעט געוואָ-
רען נעבען די פּויערישע הײַזער. איהר מאַן האָט מען געהרגט דורך אַ קלאַפּ
פֿון אַ שווערד, שפּאַלטענדיג זײַן באָרד און צונג, נאָכדעם האָט ער געלעבט
נאָך געגען אַ האַלבע שעה און איז געשטאָרבען. דער יונגער מאַן איז ערמאָר-
דעט געוואָרען דורך צוויי שיס און אַ קלאַפּ מיט אַ שווערד איבערן קאָפּ, דער
צווייטער איז ערשאָסען געוואָרען. די קליידער האָט מען פֿון זײ אַראָפּגענומען,
נאָך דעם ערמאָרדעטען שעיהן חסיד איז געבליבען אַ פֿאַמיליע פֿון 5 נפֿשות.

פֿאַר איהם געחתמעט סעקרעטאַר פֿון קאָמיטעט מ. פֿרײמאַן.

(12 אַ יונגער מאַן חנוך וואַקס גיט איבער פֿאָלגענדעס: דעם ערשטען
טאָג פֿון פּאָגראָם דעם 24 פֿעברואַר האָבען זיך בעהאַלטען זײַנע עלטערן און
נאָך מענשען אין אַ פּויעריש הויז. זענען געקומען סאָלדאַטען, אַרײַנגעפֿיהרט
זײַן מוטער און נאָך אַ פֿרוי, וועלכע האָט שוין געהאַט אַ אָפּגעהאַקטע האַנד
מ'האָט זײ געשלאָגען, געפֿאָדערט געלד, זײ האָבען געמוזט געהן מיט די סאָל-
דאַטען אין אַ יודיש הויז נעמען געלד. די סאָלדאַטען האָבען דאָרטען געפֿו-

21398

נען א מיידל רחל וואסערמאן אלט 17 יאהר, האבן זי געשענדעט, אין דער
צייט זענען די פרויען אנטלאפן. ער אליין איז געראטעט געווארן דאמיט
וואס ער איז א שניידער, האט ער פאר זי גענייט 1 1/2 טאג. נאכדעם האבן
זיי געפאדערט פון איהם א פונט זאלץ, און אויב ער וועט ניט געבן, וועל'ן
זיי איהם הענגען. ער האט זיך א וועגקעהרט צו די דארפס-הייזלעך און האט
צונויפגעזאמעלט צווישן די פויערים צו פיסלעך. אין מיטן
וועג האט מען ארונטערגענומען פון איהם די שוך, און תכיף זיי פארקויפט.
די רויבער זענען געגאנגען מיט איהם צוזאמען אין א הויז, ווי עס האבן
זיך געפינען פיעל מענשען, זיי האבן אלעמען ארויסגעטריבן און די
פיער מיידלעך רבקה, גיטל ראזענבלום, ריסה פרימאן, הענע זאמיהאווסקא הא-
בען געמיזט בלייבן, זיי זענען געשענדעט געווארן, דריי יודען ליפ ראזענ-
בלים, ישעיהו גורבאט, יצחק מילמאן האבן די מערדער געוואלט אויפהענגען
עס איז אנגעקומען פויערים און האבן זיי אויסגעקויפט מיט געלד.

אונטערגעשריבן פון הונק וואקס.

12) עס דערצעהלט דער פארזיצענדער פון זאמיעחאווער קהלה-ראט:
עס זענען אריינגעקומען 5 סאלדאטען. מ'האט געזוכט אין די קעשענעס פון
אלע וואס האבן זיך געפינען אין הויז, בשעת מעשה האט מען זיי געקלאפט
אין די הענד מיט נאגאיקעס, מיט פריקלאדען פון פיקסען, מיט שטעקענס,
מ'האט געשלאגן אין קאפ, אין פנים, אין בויך, איבער די פיס. נאך דעם
האט מען אנגעהויבען ניטערן אין אלע ווינקלעך, אין יעדען לאך און
שפאלט. מ'האט גענומען יעדע זאך, וואס מ'האט געטראפען. א זאך וועלכע
איז פאר זיי ניט נויטיג געווען, האבן זיי צעבראכען, צעשמעטערט, אוועק-
געווארפען, איינער האט אנגעהויבען בלעטערן יעדען בוך פון די וועלכע
האבן זיך געפונען אין דער שאפע, ער האט גארנישט געפונען. האט ער
ארויסגעווארפען אלע ביכער און פעשפיענען יעדעס בעזונדער. איינער האט
געהייסען מיין שוואגער טאנצען, מיין שוואגער האט צוויי טאג איבערגעטראגען
הונגער און דורשט און האט ניט געקענט אויפהייבען א פוס. און ווייל דער
סאלדאט האט איהם געשלאגן איבער די פוס מיט דער נאגייקע איז דער אומ-
גליקליכער שוואגער געוועהן געצווינגען צו טאנצען מיט'ן לעצטען כח. מ'האט
איהם אויך געהייסען זינגען און פון זיין האלז זענען ארויס קולות משונה-
דיגע, ציטערנדע, וואס צורייסען דאס הארץ. מיין אלטען פאטער האבן צוויי
סאלדאטען אנידערגעלייגט אויף א זייטע און האבן איהם פיידע געשלאגען.
איך האב אנגעהויבען צו בעהטען אז מ'זאל מיך שלאגען אנשטאט איהם, האט
מען מיך געענטפערט, אז מיך וועט מען שלאגען ממילא. און ניט נור שלאגען
וועט מען מיך, נור אפילו הארגענען, און באלד האט ער געריכטעט צו מיר
די פיקס און האט מיר געהייסען זיך שטעלן צו דער וואנט, נור א צווייטער
סאלדאט האט ניט בעלאזט מיך שיסען, ער האט געזאגט, אז ער וויל צוערשט

אויסטאָן פון מיר די קליידער מיט די שיך. און װירקליך: פריער האָט
מען מיר אויסגעטאָן דעם ראָק, די הויזן, די שיך און זאָקן און נאָך
דעם האָבן אַלע פינף סאָלדאַטן אָנגעהויבן מיך צו שלאָגן, איך האָב
זיך געבעטן בײַ זײ אַז מ'זאָל מיך װאָס גיכער הרג'נען, נור זײ האָבן
ניט געהערט און מ'האָט מיך װײַטער געשלאָגן. מײַנע בלינדע שװעסטער
האָט געהערט מײַנע קולות, האָט זי אָנגעהויבן צו װײנען און בעטן, אַז
זײ זאָלן מיך אָפּלאָזן, נור אײנער פון זײ איז צוגעגאַנגען צו איר-
בעט און געריכטעט געגען איר דאָס מעסער, כדי זי זאָל ניט אויפהויבן
קײן געשרײ. איך האָב געזען מײן פאָטער און די גאַנצע פאַמיליע װײנען
און אויסגײן פאַר געװײן, נור אַלע האָבן געװוּסט שטיל און זיך פאַר
מורא. פשעח זײ זענען געשטאַנען אַרום מיר - האָט זיך אַרײַנגעריסן צו
אונדז אין שטוב אַרײַן אונדזער שכנה די פרוי אַריע קאַרין, מ'איז געקו-
מען צו איהר אין הויז נור זי איז אַנטלאָפן צו אונדז. אַז די סאָלדאַ-
טן האָבן דערזען די אויפגערעגטע פרוי האָבן זײ זי געכאַפּט און אײ-
נער פון די סאָלדאַטן האָט זי אַרויסגעפירט אויפ'ן הויף, אין דער
צײַט זענען די איבעריגע סאָלדאַטן אַרויס פון אונדזער הויז, נאָך עטליכע
מינוט האָט זיך אומגעקערט די פרוי און האָט אונדז מיט פרייד דערציילט
אַז זי האָט זיך אָפּגעראַטעװעט פינ'ם טויט און פון גװאַלד-טאַט מיט
טויזנט רובל, װעלכע זי האָט נאָך געהאַט אין קעשענע. זי האָט פערבינ-
דען דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, האָט זיך אײַנגעטוליעט און געזעסן אין אַ
װינקעלע, נור באַלד האָט זיך אומגעקערט דערזעלבער סאָלדאַט בײַ װעלכן
זי האָט זיך אַרויסגעקויפט פאַר געלט, און נאָך איהם אַ צװײטער - זײ
קומען אַרײַן און זוכן די זשידאָװקע, געפינענדיג דעם זוהן פון דער
פרוי, װעלכער איז אויך געװען מיט אונדז אין הויז און האָט אָנגעהויב-
ן צו װײנען - האָבן זײ אָנגעהויבן איהם שלאָגן ביז זײן קאָל איז
אין איהם פערשטיקט געװאָרן, באַלד האָב איך דערהערט אַ פערשטיקט גע-
װײן פון דער פרוי, איהרע פערשטיקטע קרעכצן און די װילדע אויסשרײען
פון די סאָלדאַטן - בײדע האָבן זײ זי גװאַלדעװעט אין צװײטן צימער -
אַז די פרוי האָט זיך אומגעקערט אין דעם צימער װוּ מיר זענען געזעסן
האָב איך באַמערקט אַז איהר פנים האָט זיך פאַרענדערט װי בײַ אַ מענש פון
װעלכן מ'האָט אָפּגעשינדן די הויט לעבעדיגערהײט זי האָט זיך געשלאָ-
גן מיט בײדע הענט אין קאָפּ אַרײַן און געשריען: כ'װיל שטאַרבן,
כ'גײ מיך אַרײַנװאַרפן אין טײַך אַרײַן, - זי איז געװען ממש װי פונ'ם
זינען... אין דעם מאָמענט האָט מען װידער דערהערט קולות פון סאָלדאַ-
טן װאָס האָבן זיך דערנעהנטערט צו אונדזער הויז-און זי איז אַנטלאָ-
פן. אין הויז מיט אונדז צוזאַמען איז אויך געװען אַ שכנה, שפרה
װײנשטײן, װאָס איז ניט לאַנג פאַר דעם אויפגעשטאַנען פון טיפוס, די-

גאַנצע צייט איז זי געלעגן אין בעט צוזאַמען מיט מיין בלינדער קראַנקער שוועסטער, איך בין געשטאַנען נעבן בעט און האָב זיי בײדע געגעבן וואַסער צו טרינקען, זייענדיק אַליין פאַרוועס און נאַקעט. אין אַזאַ מצב האָבן מיך געטראָפן די סאָלדאַטן, וועלכע זענען ווידער אַריין צו אונז. קודם כל האָבן זיי געשלאָגן אַלע מענער, וועלכע זענען געווען אין שטוב, מיין אַלטן פאָטער און שוואָגער און אויך די שכנים האָט מען געשלאָגן און געפאָדערט געלד. געפאָדערט מען זאָל זיי אָנווייזן די פאַרבאָרגענע ערטער. אונזער דאָס קליינע יינגעלע פון מיין שוועסטער (אַלט 7 יאָהר) האָט אָנגעהויבן צו וויינען - האָבן זיי איהם געשלאָגן און געדראָהט מיט דעם רעוואָלווער אַז ער זאָל שווייגן, צוויי זענען אָנגעפאַלן אויף מיר מיט אַ שווערד און אַ שפּיז און געדראָהט מיר מיטן טויט, שרייענדיג מיר "קאָמוניסט", איינער פון זיי האָט געפינען בלויע פאַרב און האָט מיט איהר אויסגעשמירט דאָס פּנים פון יעדן פון אונז און אַלע האָבן געלאַכט און חוזק געמאַכט: 'האָט איהר געזעהן אַ זיינע שיינע זשידעס!" און פּלוצלינג איז איינער פון די מערדערס צוגעגאַנגען צום בעט פון דער קראַנקער. איך האָב געזאָגט וועגן איינער מיין שוועסטער, אַז זי איז קראַנק און בלינד, כדי צו זעהן צי ס'איז ריכטיג וואָס איך זאָג, האָט ער אַרויסגענומען די שווערד און געשטריכט מיט איהר איבער איהרע אויגן, ער האָט געזעהן אַז זי באַוועגט זיך ניט, האָט ער געגעבן אַ געשריי, "זי איז בלינד", און אינצווישן אַרויסגעשלעפּט דאָס צווייטע מיידל, די שכנה, און ניט קוקענדיג אויף איהר געבעט און איהר טענה אַז זי איז ערשט אויפגעשטאַנען פון טיפוס-קראַנקייט - האָט ער זי מיטגעשלעפּט מיט זיך, אַזוי צווישן צימער און אַלע סאָלדאַטן זענען נאָכגעגאַנגען נאָך איהם. אַללע בענגן זעקס אָדער זיבען סאָלדאַטן האָבן איהר פערגוואַלדעוועט אויס'ן אַכזריעשן און באַרבאַרישן אופן. אַז עס איז ניט צו בעשרייבען און איבערצוגעבען מיט ווערטער.

פאָרזיצענדער פון קהלה-פאַרוואַלטונג אין זאַמיעחאַ
י. גלפמאַן.

(14 עס גיט איבער מרדכי פרעסמאַן:

נאָך דעם וואָס מ'האָט אָפּגערויבט פון איהם דאָס גאַנצע געלד האָט ער איבערגעלאָזט זיין הויז און איז אַנטלאָפן צום שכן. איינגע מינוטן נאָך דעם זענען געקומען סאָלדאַטן צום שכן און געפאָדערט געלד, זיי האָבן געפאָדערט געלד אויך פון מרדכי פרעסמאַן, און געדראָהט איהם אַז ער וועט ניט געבן, וועלן זיי איהם הענגען, לסוף איז איהם געלינגען צו אַנטלויפן, איז ער אַריין צו אַ יודען ראובן חולה, דאָרט האָט ער געטראָפן אויך אַ יודען שמעון קיסלאַריין מיט אַ אָפּגעברענטער באָרד, עס זענען ווידער געקומען סאָלדאַטן און אָנגעהויבן צו שלאָגן דאָס גאַנצע הויז-געזינד פון ראובן חולה, מ'האָט איהם געשטאָכן מיט אַ שווערד אַזוי

21401

אז ער האט זיך געבעטן בײ זײ איהם צו טויטן באלד נור ניט צי מוטשען האט איהם געגעבן אײנער א האק מיט זײן שווערד איבער דער האנד און אפגעהאקט חכיף די האנד, דער אומגליקליכער האט ניט געקענט איבערטראגן די שרעקליכע ווײטיג און האט אויסגעטרונקען סם, וועלכעס האט זיך געפונען אין זײן הויז אין נאך א גאנצען טאג שרעקליכע ווײטיג און מוטשען, איז איהם אויסגעגאנגען די נשמה, און ער איז געשטארבען.

דער צײזעהער מרדכי פרעסמאן.

15) איך בין אנטלאפען אין קראנקען-הויז זיך דארט צי ראטען פון די רוצחים. דארט האב איך זיך באהאלטען בײם דאקטער אין צימער, וועלכער האט פערלאזט אונזער שטעטל, שטעהענדיג בײם פענסטער האב איך געזעהן ווי אײן מײדל מיט א קלײן מײדעלע זענען ערגיץ געלאפען דורך דעם גארטען פונ'ם קראנקען-הויז. אין דעם מאמענט זענען דורכגעגאנגען א 10 סאלדאטען-קאזאקער און האבען זיך געהײסען געבען געלד, די מײדלעך האבען אוועקגעגעבען וויפיעל זײ האבען געהאט אין אנגעהויבען צי ווײנען מ'זאל זײ לאזען געהן ווײטער. די סאלדאטען האבען זײ אנגעהויבען שטארק צי שלאגען און דאס מײדל פפרט. נאכדעם האבען זײ געצווינגען דאס מײדל צי געהן מיט זײ אין נאהענטען דארף מיט פאלגענדע מיטל: זײ האבען צי-געבונדען איהר קלײדיל מיט א שטריק, דעם שטריק צי א פערד, און דאס קלײנע מײדעלע האבען זײ אריבערגעווארפען איבערן פלויט און ארײנגעווארפען אין א גרוב.

א צווײטער פאקט:

עטליכע סאלדאטען זענען ארײן אין הויז פון א ארימען שמיד, זעהענדיג אז ס'איז ניטא וואס צו רויבען, האבען זײ צעבראכען דאס מעבל געשלאגען די גאנצע פאמיליע, זײן יונגערן זוהן אלט 26 יאהר האבען זײ געהײסען אויסטהון און ציגעהן נאקעט און פארוועס צום טײך, און צו זיצען 5 מינוט אין טײך נאך דעם האבען זײ פארברענט זײן הויז אין פלאם.

16) עס איז נויטיג צו באמערקען דעם שטארקען ווילן פון דעם יודען משה זײדמאן, וועלכער האט געוואגט אויפצוהײבען די הענד געגען אײנעם פון די מערדערס. צווײ סאלדאטען זענען ארײן אין זײן הויז פון וועלכען דער דאך איז געוועהן שוין אפגעברענט און געפאדערט געלד. אלע זענען זיך צילאפען, נור ער אײנער איז געבליבען. זײ האבען געפאדערט פון איהם געלד, ער האט ניט געהאט, האבען זײ איהם געוואלט הרגענען, האבען זײ געהײסען איהם אויסטהון די קלײדער, ער האט געפאלגט, נור דאס העמד האט ער ניט געוואלט אויסטהון, האבען זײ אנגעהויבען צי שלאגען מיט דער נאגײקע איבער די פיס, אז ער האט געזעהן אז ס'איז שוין פערפאלען, אז ער איז פעראורטײלט צים טויט, האט ער געגעבען א קלאפ

21402

אין פנים פון איינעם אזוי שטאַרק, אַז יענער האָט זיך איבערגעקערט. דאָס מעסער האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון זיין האַנד און געשלאָגן מיט אים דען צווייטן - נאָך דעם איז ער אַנטלאָפן אין דרויסן און זיך באַהאַל-טן. זיי זענען אים נאָכגעלאָפן, נור ניט געטראָפן און אַזוי איז ער ניצל געוואָרן.

די ווערטער האָט ער מיר איבערגעגעבן ער אַליין און דאָס-זעלבע האָב איך געהערט פון אַנדערע    סעקרעטאַר מ. פרימאַן.

דאָס אַלעס האָבן אונז דערצעהלט די איינוואָהנער פון זאַמיע-חאָוו, וועלכע האָבן ציגעזעהן און אויך איבערגעלעבט די אַלע שרעקליכע פאַקטן

פאָרזיצער פון זאַמיעחאָווער הילפס-קאָמיטעט י. גלבמן.

ס עקרעטאַר מ. פרימאַן.

בעפאָלמעכטיגער פון קאָמיעניצער הילפס-קאָמיטעט פאַר קאָגראָם און מלחמה געליטענע    פשרובקר.

## איבערגעזעצט פון העברעאיש.

19 5/4 20

אַ פריוואַטער בריף פון פאָרזיצענדען פון זאַמיעחאָווער הילפס-קאָמיטעט צום בעפאָלמעכטיגען פון קאָמיניעצער געגענדס-קאָמיטעט פאַר הילף די פאָגראָם און מלחמה - געליטענע.

---

שלום לך חבר פשרבקר. אונזער אַרבייט געהט און ווערט צו ביסלאַך איינאָרדאַניערט, מיר האָבן שוין ציטיילט דאָס מעהל און געשאָכטן אַ קעלבל (אַלע שעכטן, אפילו אויך מיר געשאָכטענע) גענומען האָבן מיר געקויפט ציקער, מיט איינעם וואָרט: מיר שטרעבן קודם כל אָנציזעטיגן די הינגערי-גע. גענומען האָבן מיר ערהאַלטען פון מינקאָוויץ געגען אַ 6 פוד פרוים און אַ ביסל מלבושים. ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן דער יונגערמאַן, וועל-כער האָט געבראַכט דאָס פרוים מיט די זאַכן (גרינבערג) אַז אין מינקאָוויץ איז געגרינדעט געוואָרן אַ איניציאַטיווער קאָמיטעט צו העלפן די אַנטלאָ-פענע פון זאַמיעחאָוו. איך האָב זיך געווענדעט צו דעם אויבן-דערמאָנטען קאָמיטעט און כ'האָב געבעטן מיטציהעלפן אונזער חבר שניידער, וועלכער וועט קומען צו זיי די טעג צינויפזאַמלען געלד און זאַכן (ער איז נאָך עד היום ניט געפאָרען). יאָ, מיר האָבן געדונגען אַ אַנדער צימער פאַר אונזער קאַנצעלאַריע. ווי מיר האָבן בעשלאָסן וועט זיין אונזער קאַנצעלאַ-ריע אָפן פון 10 ביז 1 פריה און פון 3 ביז 6 נאָכמיטאָג.

פון זאַמיעחאָוו - אונזער שחיטה שטאָט - האָבען מיר ניט קיין שום ידיעה
און ביז יעצט האָט אונז זיך ניט איינגעגעבען צו בעקומען א ערלויבניס
צו קומען אהין און צו רעטען די אומגליקליכע נפשות, וואָס וואַלגערן
זיך דאָרט ארום און הינגער, קראַנקייטען און טויט-שרעק. דער גובערניא-
לער קאָמיסאַר, צו וועלכען מיר האָבען זיך געווענדעט מיט אונזער ביטע
האָט אונז געמעלדעט, אז ער פּאָהרט קיין קאָמינעץ, ווי ער וועט זיך משתדל
זיין צו בעקומען א ערלויבניס איבערצופיהרען די פאַרבליבענע נפשות
קיין אושיצא. ס'איז זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר דארפען קיין שום האָפ-
נונגען אויף דעם ניט לעגען, עס קען זיין, אז איהר זאָלט ערוועגען די
פראגע אין אייער קאָמיטעט און אפשר וועט ער אונז קענען מיט עפּעס מיטהע
לפען זיין אין דעם ענין. דער געדאנק אז אין זאַמיעחאָוו זענען נאָך פער-
בליבען נפשות וועלכע ליידען נאָך פּחד, מאַטעריעלע און גייסטיגע ענוים
פּייניגט גוף און גייסט. צו איז ווירקליך אונמעגליך עפּוואָס צו טהון? צו
קענען מיר ווירקליך ניט רעטען דאָס, וואָס איז נאָך מעגליך צו רעטען?
איך וויל האָפען, אז דער צענטראַלער - קאָמיטעט וועט ניט שווייגען אין
טהון אלעס, וואָס איז נור מעגליך כדי צו רעטען די אומגליקליכע נפשות.

חבר פשרובקר, מיר האָבען געדענקט צו שיקען קיין קאָמינעץ אונ-
זער חבר פריל, נור די לעצטע טעג וויל דער קאָמענדאַנט ניט ארויסגעבען
קיין ערלויבניס, אפשר איז מעגליך, אז אונזער חבר שמוקלער זאָל ערפי-
לען אלעס וואָס ער איז פערפליכטעט און אומקעהרען זיך צו אונז וואָס
מעגליך גיכער. יעצט וויל איך נאָך בעטין איינס: געדענקט אז איך ערווארט
א ידיעה פון אייך וועגען א פּאָסטען פאר מיר אין קאָמעניעץ אָדער אין אי-
נער פון די שטעטלעך אין קאָמעניעצער סביבה.

מיט אכטונג י. גלמבון.

מ ים דעם אָריגינאל שטימט

געשעפטספיהרער פון אָפּטיילונג מאריגין.

21/4 920

---

21/4-1920

צוגעקומענע ידיעות וועגען די פּאָגראָם-געשעהניסען אין זאַמיעחאָוו.

וועגען דעם פּאָגראָם אין זאַמיעחאָוו גיט איבער א איינוואוינער פון זאַמיעחאָוו
ה. יוסף פריל פאָלגענדעס: דער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אָפיציעל 8 טאָג
אָנהויבענדיג זיך פון'ם 28 פעברואר, נאכדעם איז געוואָרען שטיל אויף
עטליכע טאָג און האָט זיך ווידערהאָלט שפּעטער מיט א 8 טאָג אויף א פּאָר
טעג. נאכדעם האָבען יעדען טאָג די אריינגעקומענע אוקראַינישע, דעניקינישע

21404

און פוילישע מיליטער-טיילען צו פיסלעד גערופט, אויך געצינדען -
אזוי אז דער פאָגראָם האָט זיך געצויגען פאַסט א גאַנצען מאָנאַט.

צו די פריהערדיגע ידיעות וועגען הרוגים איז צוגעקומען נאָך 3: שמואל שוחט געשטאָרבען פון די ווינדען, חיה זאַלצמאַן געווען שטאַרק צושלאָגען און געשטאָרבען דערפון, אויך א דריטער, דעם נאָמען געדענקט ער נים, וועגען זיך אליין דערצעהלט דער ה. פריל אז צו זיי זענען אריין אין הויז פוילישע סאָלדאַטען וועלכע זענען געווען אין שטעטל צוזאַמען מיט די דעניקינצעס און גענומען א מיכטיגען אנטייל אין דעם פאָגראָם-און געפאָדערט געלד. פון זייער פאַמיליע האָט שוין קיינער קיין געלד נים געהאַט ווייל די דעניקינצעס האָבען אָפּגערויבט דאָס גאַנצע געלד, גאָלד און זילבער אויך די טייערסטע חפצים, דאַן האָבען זיי געוואָלט אָנצינדען דאָס הויז, די אלטע מוטער האָט אָנגעהויבען שטאַרק וויינען און בעטען און האָט געפינען בּיי זיך עפּעס נאָך קליינע קאָסטבאַרקייטען, וועלכע זענען צופעליג פערבליבען און זיי אוועקגעגעבען-דאַן האָבען זיי שוין געלאָזט אָפּלעשען די אָנגעצינדענע שטוב און אוועק פון זיי. נור די זעלבע סאָלדאַטען האָבען אָנגעצינדען דעם רב'ס הויז, וועלכעס האָט אָבגעברענט. די אָרטיגע בעפעלקערונג, די פויערים האָבען אין די פאָגראָם-געשעהענישען קיין אנטייל נים גענומען, איינציגע האָבען אויסבעהאַלטען בּיי זיך יודען, נור אין אלגעמיינעם האָבען זיי אליין מורא געהאַט, ווייל די באַנדיטען זענען אַרומגעגאַנגען צווישען די פויערישע הייזער זוכענדיג יודען און געדראָהט אז ווי זיי וועלען געפינען יודען וועלען זיי אָנצינדען די שטוב.

נאָכדעם וואָס די בעפעלקערונג איז זיך צולאָפען פון'ם שטעטל נאָך דעם פאָגראָם, האָבען די אָרטיגע פויערים צוגעבראַכט פאַר די פערבליבענע עטליכע משפחות קראַנקע און פערוואונדעטע. יעצט בעפינען זיך די פוילען זעהר שלעכט צו דער יודישער בעפעלקערונג אין זאַמיעחאָוו, אויסנעמענדיג יונגע קינדער און אלטע 70-יעהריגע מענשען צום גראָבען אָקאָפּעס, האַקען האָלץ און אַנדערע שווערע אַרבייט.

פאַרשריבען פון געהילפס געשעפטס-פיהרער פון אינפאָרמאַציאָנס-אָפּטיילונג אין קאַמענעציער געגענד-קאָמיטעט ה. ל ב נ י ר.

איינוואָהנער פון זאַמיעחאָוו (חתומה) 21/4 1920

מיט'ן אָריגינאַל שטימט

פאַרין געשעפטס-פיהרער פון אינפאָרמאַציאָנס-אָפּטיילונג
ה. ל ב נ י ר.

5/5 1920

21405

15-16

רשימה פון געשענדעטע פרויען בעת דעם פאגראם אין זאמעכאוו אושיצער [illegible] פאדאליער גובערניע.

| | נאמען און פאמיליען נאמען | יאהרען | בעמערקונגען |
|---|---|---|---|
| 1 | רובה הורפסיה א מיידל | 22 | גיט איבער פאלגענדעס: דעם ערשטען טאג אזוי ווי ס'זענען אריינגעקומען די מערדערס איז זי אנטלאפען און זיך באהאלטען אין א טעפער-אויבין (א בארן) 6 סאלדאטען זענען דורכגעגאנגען אריינגעקוקט אין בארן און זיי האבען זי דערזען און ארויסגעשלעפט פון דארט, אריינגעבראכט זי אין א שטאל אין מיטען וועג'זי געשלאגען, זי האט זיך פערטיידיגט און געבעטען זיי זאלען זי הארגענען, נור איינער פון זיי האט געזאגט: ס'איז א עברה ד'קויל, נאך שטארקע שלעג און פייניגען האבען זיי זי'געשענדעט. נאך דעם האבען זיי געמאטערט פון איהר געלד. זי איז גע-גאנגען צום הויז איז עס געווען אין גאנצען אין פייער. זיי האבען זי אריינגעווארפען אין פייער. נור צוויי אנדערע סאלדאטען וועלכע זענען דורכגעגאנגען אין דעם מאמענט האבען רחמנות געקריגען איבער איהר און זי געראטעוועט. |
| 2 | פריל שוחט א פרוי | 25 | די פרוי רחל גלוזמאן גיט איבער אז זי איז געווען א עדות פון געוואלדטהאט איבער דער פרוי פריל שוחט, דעם בעל-הבית'ה א זקן פון 71 יאהר האט מען געצווינגען צוזעהען דעם געוואלד-טהאט. געחתמעט פאר איהר דער מזכיר הועד מ. פרימאן. |
| 3 | הינדה כץ א פרוי | 26 | זי גיט איבער פאלגענדעס: זעקס סאלדאטען האבען זי געטראפען אין א הויז און געשלעפט זי מיט זיך אין דארף אריין. אז זי האט זיך גע-קלאגט פאר זיי אז זי האט איבערגעלאזט ביי זיך אין הויז א זויגענדיג קינד און אז זי בעט מען זאל עס אויך מיטנעמען, האבען זיי איהר געזאגט- ביזט איבערצייגט'אז די וועסט זיך אומקעהרען לעבעדיג א היים קלויב דיר אויס איינע פון די דריי מיתות: אדער פערברענט ווערע אדער אויפהענגען ביידע הענד אדער געשענדעט ווערען.- זי האט זיי ניט געענטפערט און זיי אל האבען זי געשענדעט. די פרוי איז נאך יעצט קראנק ווייל זי האט ערשט ניט לאנג געבוירען א קינד. פאר איהר געחתמעט מזכיר מ. פרימאן. |
| 4 | עלקע פרויכמאן א פרוי | 75 | משה הורפסי גיט איבער אז ער איז געוועהן א עדות פון געוואלד-טהאט איבער דער פרוי עלקע פרויכמאן, א זקנה פון 75 יאהר. איהר מאן איז אין אמעריקא. זי האט 4 קינדער. |
| 5 | יהודית קורן - א פרוי | 45 | ערשט ניט לאנג אויפגעשטאנען פון טיפוס. גע-וועהן נאך זעהר שוואך. צו ערשט האט זי זיך אויסגעקויפט מיט געלד. נור באלד האט זיך דערזעלבער אומגעקעהרט, ארויסגעפיהרט זי אין הויף פון הויז און זי געשענדעט. |
| 6 | שפרה ווינשטיין א פרוי | 45 | געשענדעט געווארען דורך צוויי סאלדאטען נאכדעם האבען זיי זי פערווינדעט לייכט. איבערגעגעבען וועגען דעם האט י. גלמן. |
| 7 | רחל רויטער א מיידל | - | זי האט זיך באהאלטען אין א גרוב ווי מ'האט זי געכאפט און געשענדעט. |

21406

| | נאמען און פאמיליע נאמען | יאהרען | באמערקונגען |
|---|---|---|---|
| 8 | מרים רויטער א מיידל | - | צוזאמען מיט דער שוועסטער געשענדעט געוו-רען אין גרופ. |
| 9 | זיסל שווארצמאן א מיידל | 23 | מ'האט זי געכאפט אין אין הויז פון א פוי-ער ווי זי האט זיך באהאלטען און אין דער אנוועזנהייט פינם פויער איז זי געשענדעט געווארן. |
| 10 | עלקע שורצמאן א פרוי | 23 | געטראפען אין א פויעריש הויז און געשענדעט געווארען. איהר מאן איז אין אמעריקא, זי האט צוויי קינדער. |
| 11 | גאלדה ראפין א מיידל | 23 | א יונגל מיכל פארשטיין גיט איבער אז ער איז געווען א עדות פון א גוואלד-טהאט איבער גולדה ראפין. |
| 12 | שיינדל קאלמאן א מיידל | 23 | פרוי זיסל קאלמאן גיט איבער אז איהר טאכ-טער שיינדל האבען געכאפט צוויי סאלדאטען און זי געשענדעט חוץ דעם גוואלד-טהאט האט מען איהר אריינגעשטעקט אין געשלעכטס-ארגאן א שטיק האלץ און זי אריינגעווארפען אין א ברענענדיג הויז. |
| 13 | רבקה רוזנפעלד א מיידל | 20 | ליב רוזנפעלד גיט איבער אז זיינע צוויי טעכ-טער רבקה און גיטל זענען געשענדעט געווארע |
| 14 | גיטל רוזנפעלד א מיידל | 16 | " |
| 15 | פיגה כץ א מיידל | 20 | פרלן חיקה וואסערמאן גיט איבער אז זי איז געווען א עדות פון גוואלד-טהאט איבער איהר שכנה פיגה כץ און נאך א מיידל פון 16 יאהר |
| 16 | א מיידל | 16 | " |
| 17 | רחל וואסערמאן א מיידל | 17 | א יונגל חנוך וכס גיט איבער אז ער איז גע ווען א עדות פון גוואלד-טהאט איבער רחל וו סערמאן. |
| 18 | ריסיה פרימאן א מיידל | 24 | דער זעלבער עדות. |
| 19 | העני זאמיחאווסקא מיידל | 18 | דער זעלבער עדות. |
| 20 | רחל ווידופסקי א מיידל | 23 | געשענדעט. |
| 21 | טשארני הורפטיה א פרוי | 40 | געשענדעט. |
| 22 | רויזע שוחט א פרוי | 42 | געשענדעט. |
| 23 | רויזע זילבערמאן מיידל | 14 | געשענדעט. |
| 24 | פלומה וואגניצער פרוי | - | געשענדעט 2 טאג איז איבערגעגאנגען נאכין קריזיס פון טיפוס. |
| 25 | יודיל הערצענשטיין מיידל | 18 | געשענדעט. |
| 26 | צביה זיידמאן מיידל | 22 | געשענדעט. |
| 27 | טובה ווינשטיין מיידל | 18 | געשענדעט. |

אונטערגעשריבען פארזיצענדער פון זאמיעחאווער הילפס-קאמיטעט - י. גלמן.

סעקרעטאר מ. פרימאן.

בעפאלמעכטיגטער פון קאמעניעצער געגענד-קאמיטעט י. ברנקר.

מיטן אריגינאל שטימט: פארין געשעפטס-פיהרער ה. לבגיר.

א רשימה פון פאַרברענטע הייזער בעת די פּאָגראָם געשעענישן אין זוואַניעץ אושיצער פּאָוויאַט, פּאָדאָליער גובערניע.

21407

| | נאָמען און פאַמיליענ-נאָמען פון בעל-הבית. | באמערקונגען |
|---|---|---|
| 1 | יהושע בן בנימין הויכמאַן | עס זענען אונטערגעצונדן אלע הייזער פון שטאָט, אין א משך פון 3 טאָג 25, 26, 27 פעברואַר 1920 יאָהר. איינציגע הייזער זענען איבערגעבליבן געוואָרן פון די אָרעמיגע פויע-רים. די אויסגעברענטע 28 הייזער זענען גענצליך פאַרברענט געוואָרן מיט אלעמען, וואָס האָט זיך געפונען אין זיי. |
| 2 | צבי גרינבערג | |
| 3 | יששכר זאַלצמאַן | |
| 4 | ישראל בן יצחק סקוזניצקי | |
| 5 | הירש בן יודיל קוק | |
| 6 | ניסן בן ישראל כץ | |
| 7 | יוסף'ה שפּמן (הרב) | |
| 8 | הענע הרצשטיין | |
| 9 | חיה-שרה משטשקי | |
| 10 | ליב רויזנפלים | |
| 11 | יצחק מאיר שערמאַן | |
| 12 | שלמה פייגלמאַן | |
| 13 | ברוך גורפטיה | |
| 14 | אליהו קאַרפּ | |
| 15 | פעגי ווייסמאַן | |
| 16 | משה פישבערג | |
| 17 | חנה פישבערג | |
| 18 | ליב דוניטמאַן | |
| 19 | יוסף שמאָקליר | |
| 20 | חיה רויזע פלאָם | |
| 21 | אברהם פרידמאַן | |
| 22 | משה מילמאַן | |
| 23 | יוסף לאַנדוי | |
| 24 | בית המדרש | |
| 25 | פעגי נידרמאַן | |
| 26 | אברהם קסלמאַן | |
| 27 | שלמה גודילמאַן | |
| 28 | ישראל פייערשטיין | |

מיטן אָריגינאַל שטימט: פאַריין געזעלשאַפט-פירער ה. לבניר.

אונטערגעשריבן פון פאָרזיצענדע פון זאַמעלנער הילפס-קאָמיטעט י. גלמן.

סעקרעטאַר מ. פרימאַן.

בעפולמעכטיגטער פון קאַמענעצער געגנט קאָמיטעט י. ברנקר.

21408

# ידיעות וועגן די פּאָגראָם-געשעהנישן אין זאַמיעשטש.

דינסטיג דעם 2-טען מאַרץ 1920 יאָהר, 11 אַ זייגער פריה זענען געקו-
מען אין צ"ק די איינוואוינער פון שטעטל זאַמיעשטש, ני-אושיצער פּאָוויאַט, פּאָדאָ-
ליער גוב. די ה"ה הערש און הינדע קוק. און האָבען דערצעהלט פאָלגענדעס:
אין דער געגענד פון זאַמיעשטש דרעהען זיך שוין עטליכע טעג אַרום אַ מיליטע-
רישע באַנדע פון דעניקינ'ס אַרמיי, אונטער דער אָנפיהרונג פון גענעראַל ברע-
דאָוו, וועלכע האָבען אָפּגעטרעטען פאַר די באָלשעוויקען פון דעם אָדעסער ראַיאָן.
לויט זייערע ידיעות האָבען זיי אין אַלע דורכגעגאַנגענע שטעט און שטעטלעך גע-
פּאָגראָמט אויך יודען מיט פיעלע מענשליכע קרבנות, ווי לוטשינעץ, מוראַוואַני-
קורילאָווצי און אַנדערע. מיטוואָך דעם 25 פעברואַר 1920 זענען אין שטעטל זאַ-
מיעשטש, וועלכעס צעהלט לערך 150 יודישע משפחות, מיט לערך 1000 זעעלען
יודען, אַריינגעקומען אַ באַנדע פון דעניקינצעס (קויקאַזער טיילען). דער ער-
שטער טאָג זייערער איז געווען, וואָס זיי האָבען אָנגעצינדען דאָס בית המדרש,
וועלכעס האָט באַלד אָפּגעברענט מיט אַלע ספרי תורות. נאָכדעם האָבען זיי אָנגעהוי-
בען הארגענען און רויבען און צינדען. דערביי זענען פיעל פרויען אויפ'ן
שרעקליכסטען אופן געשענדעט געוואָרען, איינציגע פון זיי זענען נאָכדעם
אכזריות-דיג ערמאָרדעט. דאָס אַלעס האָט זיך געצויגען אַ גאַנצען טאָג, דער
רעזולטאַט פון דעם שרעקליכען טאָג איז געווען: לערך 50 ערמאָרדעטע, פיעל
פערוואונדעטע און זעהר פיעל געשענדעטע פרויען. דער גאַנצער צענטר פון'ם
שטעטל האָט אָפּגעברענט. דאָס גאַנצע שטעטל איז אין פולען חרבן געבראַכט געוואָ-
רען. קיין איינציגע לעבענדיגע יודישע זעעלע געפינט זיך דאָרט ניט מעהר, די
יודען וועלכע זענען געבליבען לעבענדיג און גאַנץ זענען זיך צולאָפען נאַקיט,
באָרפוס אין די אַרומיגע שטעט און שטעטלעך. די זאַמיעשטשווער באַפעלקערונג
געפינט זיך יעצט אין אַ שרעקליכער לאַגע, דאָס גאַנצע שטעטל איז כמעט פער-
ברענט, נישטאָ קיינער ווער עס זאָל זיי מקבר זיין.

איינוואוינער פון זאַמיעשטש : אונטערשריפטען.

אָנפיהרער פון אינפאָרמאַציאָנס-אָפּטיילונג: אונטערשריפט

מיט'ן אָריגינאַל שטימט: פאַר'ן געשעפטס-פיהרער ה.לבנ"ר.

21 21409

יעקב ריעז
בעפאלמעכטיגטער פונ'ם
בעוועגליכען מעדיקא-ערנעהרונגס-פונקט
נר. 8

דעם 1 מאי 1920.
קאמענעץ-פאד.

# ב ע ר י כ ט .

נאך גרויסע שוועריגקייטען, וועלכע ס'האט אונז געשטעלט די פוילישע מיליטער-מאכט, נור פאר דעם אפשר, ווייל מיר פאהרען העלפען דער אידישער באפעלקערונג, זענען מיר שבת דעם 24 אפריל 8 א זייגער אויף דער נאכט אפגעפאהרען קיין נאווא-אושיצא, וואהין מיר זענען זונטאג דעם 25 ד.ח. 6 א זייגער אין דער פריה אנגעקומען.

נאך א קורצען איבערריידען מיט די פארטרעטער פון דער אידישער קהלה, בין איך געוואר געווארען, אז אין אושיצא איז אין דער אקציע פון העלפען פאגראם-געליטענע נאך גארנישט קאנקרעטס געטון געווארען, אפילו האט זיך נאך נישט ארגאניזירט קיין קאמיטעט אדער א ארסקאמיסיע, ווייל איך האב אבער געמיינ ארבייטען אין פארבינדונג מיט אזא קאמיסיע, האב איך פארלאנגט, אז די קהל

21410

